56 געפאָלגט ישוען פון גליל, באַדינענדיק אים; צווישן
זיי איז געווען מרים פון מגדלה, און מרים, די מוטער
פון יעקב און יוסי, און די מוטער פון זבדיס קינדער.
57 און ווען עס איז געוואָרן אָוונט, איז געקומען אַ
רייכער מאַן פון הרמתים, זיין נאָמען איז געווען
יוסף, וואָס איז אַליין אויך געווען ישועס אַ תלמיד.
58 דער דאָזיקער איז געגאַנגען צו פּילאַטוסן, און האָט
באַגערט ישועס קערפּער. דעמלט האָט פּילאַטוס
59 באַפוילן, אַז עס זאָל אים געגעבן ווערן. און יוסף
האָט גענומען דעם קערפּער, און אים איינגעוויקלט
60 אין אַ ריין ליילעך, און האָט אים אַריינגעלייגט
אין זיין נייעם קבר, וואָס ער האָט אויסגעהאַקט
אין דעם פעלזן, און האָט אַריפגעוועלגערט אַ
גרויסן שטיין אויף דער טיר פון קבר, און איז
61 אוועקגעגאַנגען. עס איז אָבער דאָרטן געווען מרים
פון מגדלה, און די אַנדערע מרים, וועלכע האָבן
זיך אַנידערגעזעצט אַנטקייגנאיבער דעם קבר.
62 און צומאָרגנס, וואָס איז נאָך ערב שבת, האָבן
די הויפּט־כהנים און די פּרושים זיך פאַרזאַמלט
63 ביי פּילאַטוסן, און האָבן געזאָגט: האַר, מיר דער־
מאָנען זיך, אַז יענער פאַרפירער האָט געזאָגט, בשעת
ער האָט נאָך געלעבט: אין דריי טעג אַרום וועל
64 איך אויפשטיין. באַפעל זשע, אַז דאָס קבר זאָל
געהאַלטן ווערן זיכער ביז צום דריטן טאָג, טאָמער
וועלן די תלמידים קומען און אים אַוועקגנבענען,
און זאָגן דעם פאָלק: ער איז אויפגעשטאַנען פון די
טויטע; און דער לעצטער באַטרוג וועט זיין ערגער
65 פונעם ערשטן. האָט פּילאַטוס צו זיי געזאָגט: איר זאָלט
האָבן אַ וואַך! גייט און מאַכט זיכער ווי איר פאַר־
66 שטייט. און זיי זענען געגאַנגען, און האָבן פאַרזיכערט
דאָס קבר מיט דער וואַך, און פאַרחתמעט דעם שטיין.